# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת ראה | שנת תשע"א לפ"ק


## מילי דחסידא

**שמר ושמעת:** יש לומר רמז בשני תיבות אלו, על דרך (אבות ו') בת קול יוצאת מהר חורב וכו' ומה שאמר **אא"ז הבעל שם טוב הק'** זי"ע ידוע שהוא הרהורי תשובה הבאים לאדם בכל יום, ועיין בספה"ק של הרב מפולנאה זללה"ה.

והנה בזה נתבאר התימא והפלא שהקשה מפני מה הכרוז יוצא כשאין שום שומע, וביאר ז"ל מי שרוצה לשקול בפלס רגליו ולבקש דרך ה', ויהיה עומד ומצפה מתי יהיה לו התעוררות דבר ה', אז בוודאי ישמע הבת קול שהם הרהורי תשובה כנ"ל, והוא שמרמז **שמור** לשון המתנה, היינו שתהא ממתין ומצפה לשמוע דבר ה', אז בודאי **ושמעת** הרהורי תשובה הבאים לאדם בכל יום, אתערותא דבת קול והמשכיל יבין (דגל מחנה אפרים).

## דרש דרש

**ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה:** דער **בעל הטורים** זאגט ראה אנכי, אנכי שבעשרת הדברות, לכאורה דארף מען פארשטיין דעם שייכות פון דא צו עשרת הדברות.

ענטפערט דער מאמר אברהם, מיט דעם מאמר חז"ל **כל מה שישראל אוכלין בעולם הזה אין אוכלין אלא בשביל האמונה**, אז אלעס וואס אידן האבן אויף די וועלט איז נאר בזכות פון אמונה. און די מפרשים זענען דאס מסביר וויל די גמרא זאגט דאך שכר מצוה בה"ע ליכא, אויף די וועלט איז נישטא קיין שכר אויף די מצוות וואס מ'טוט, איי לכאורה דער אייבערשטער האלט דאך די תורה, און אין די תורה שטייט לא תלין פעולת שכיר, אז מ'דארף באצאלן פאר אן ארבעטער נאך אינעם זעלבן טאג? איז נאר דער תירוץ אז אין שו"ע שטייט אז נאר ווען דער בעל הבית אליין דינגט די ארבעטער איז ער מחויב צו באצאלן אינעם זעלבן טאג, משא"כ אויב ער שיקט א שליח איז ער נישט מחויב.

קומט אויס אז וויבאלד ביי מתן תורה האט דער רבש"ע געמאכט משה רבינו פאר א שליח אז ער זאל איבערגעבן די תורה פאר אידישע קינדער, ממילא איז השי"ת נישט מחויב צו באצאלן שכר מצוה אויף די וועלט.

אבער מיר ווייסן דאך אז אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום, די ערשטע צוויי דברות האט מען געהערט פונעם אייבערשטן אליין, קומט דאך אויס אז אויף די ערשטע צוויי דברות וואס דאס איז אמונה בה', קומט יא שכר מצוה אויף די וועלט. וועגן דעם זאגן חז"ל אין ישראל ניזונין אלא בזכות אמונה.

דאס זאגט דער מדרש, **ראה אנכי**, אז דו זעהסט דעם **אנכי שבעשרת הדברות**, וואס דאס איז מצות אמונה, דורכדעם איז **אנכי נותן לפניכם היום ברכה**, קענען אידן זוכה זיין צו באקומען א ברכה.

*

**כי פתח תפתח את ידך וגו':**

דער **ווילנער גאון** זי"ע זאגט לויט די גמרא אין מס' בבא בתרא (דף י' ע"א) אז רב פפא איז געגאנגען אויף טרעפ, און ער איז אומגעפאלן, האט אים ר' חנינא געזאגט אפשר איז אן ארעמאן געקומען צו דיר און דו האסט אים נישט געגעבן קיין צדקה. לכאורה דארף מען פארשטיין פון וואו האט ר"ח געוואוסט דער עונש איז אים געקומען צוליב די סיבה?

## מעשה רב

### נתן תתן לו

**דער הייליגער רבי ר' בונם מפרשיסחא זי"ע איידער ער איז געווארן א רבי איז ער אמאל געווען אין א שטאט, וואס דארט האט געוואוינט א חסיד, א גרויסער ארעמאן, דער רבי ר' בונם האט אים געלאזט רופן, און אים געהייסן צוגרייטן א סעודה און ער האט אים געגעבן געלט פאר די צרכי סעודה.**

**ווען יענער איז געגאנגען איינקויפן די צרכי סעודה, האט דער רבי בונם געלאזט רופן א סוחר וואס פארקויפט פעלצן, און ווינטער מלבושים, און ער האט ביי אים איינגעקויפט מלבושים פארן חסיד און די גאנצע משפחה, און ער האט זיי דאס געשאנקען במתנה, אויסערדעם וואס ער האט נאך צוגעגעבן א שיינעם סכום געלט במתנה.**

**נאך די סעודה איידער ער איז אוועקגעגאנגען האט רבי ר' בונם ווידער געגעבן א גרויסן סכום געלט פארן חסיד. יענער האט זיך זייער געוואונדערט און נישט געקענט פארשטיין פארוואס ער האט אים ווידער געגעבן דאס געלט נאכדעם וואס ער האט אים שוין געגעבן אזויפיל.**

**האט רבי ר' בונם געזאגט "אין די תורה שטייט נתן תתן לו ואל ירע לבבך בתתך לו" דאס מיינט אז ווען מען גיט צדקה טאר מען נישט געבן צוליב געפילן, מען האט רחמנות אויף יענעמס מצב, מען שפירט אז מ'קען דאס נישט צוקוקן וועגן דעם גיט מען, ניין, נישט ווייל ס'איז ירע לבבך, נאר ווייל דאס איז די מצוה".**

**"במילא, אנהייב ווען דו ביסט געווען אין אזא שווערן מצב, האב איך דיר געגעבן געלט אלס רחמנות, אבער יעצט ווען דו האסט שוין אלעס, דו האסט מלבושים, געלט, יעצט קען איך ריכטיג מקיים זיין די מצוה פון צדקה ווייל די תורה האט געהייסן".**

### מילי דרמיזא

מבואר בספרים עה"פ ראה אנכי נותן לפניכם היום, היינו בעולם הזה, ברכה וקלל"ה ר"ת ו'הקרן ק'יימת ל'ו ל'עולם הבא.

נאר עס קען זיין אז די ווערטער **פתוח תפתח** האט די טראפן א **דרגא תביר**, וואס דאס איז טייטשט א צובראכענע טרעפל. דאס איז א רמז אויף איינעם וואס גוט נישט קיין צדקה, ווערט ער נענש מיט א צובראכן טרעפל.

## בפרדס הפרשה

### לימוד פרקי אבות (ד)

עס איז איינגעפירט בכל תפוצות ישראל אז ווען מען ענדיגט צו לערנען פרק לערנט מען א משנה "**רבי חנניא בן עקשיא אומר רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות וכו'**" וואס דאס איז א משנה אין סוף מסכת מכות (דף כ"ג ע"ב).

אין מחזור **ויטרי** ווערט געברענגט דעם טעם "מען האט איינגעפירט צו ענדיגן אין יעדן פרק די משנה פון רבי חנניא בן עקשיא, אפילו דאס געהערט נישט צו די מסכת עס איז נאר סוף פרק אין מסכת מכות, אין פרק אלו הן הלוקין, אבער וויבאלד עס האט א שיינעם סיום פירט מען זיך צו זאגן ביים סוף פון יעדן פרק די משנה".

דער **רמב"ם** (פיהמ"ש סוף אבות) זאגט א אינטערעסאנטע זאך "רבי חנניא בן עקשיא אינו מן הברייתא אלא סיום נאה הוא, ונהגו העם לאמרו בסיום הפרקים לפי שאין אומרים קדיש דרבנן על המשנה אלא על האגדה, שאמר מר (סוטה דף מ"ט ע"א) ואיהא שמי' רבא דאגדתא". קומט אויס אז די סיבה פון לערנען די משנה איז נאר כדי מ'זאל קענען זאגן קדיש דרבנן.

אבער אין ספר **באר שבע** (סוטה שם) פרעגט ער א קשיא אז דער רמב"ם אליין שרייבט פארקערט וזל"ק (ספר היד סו"ם אהבה סדר תפילות נוסח הקדיש): קדיש דרבנן כל עשרה מישראל או יתר שעוסקין בתלמוד תורה שעל פה ואפילו במדרשות או בהגדות כשהן מסיימין אומר אחד מהן קדיש" זעהן מיר דאך אז מען מעג סיי ווען נאכן לערנען זאגן קדיש דרבנן.

דער **מגן אברהם** (סי' נ"ד סק"ג) פארענטפערט אבער די סתירה אז דער **רמב"ם** האלט באמת אז אויף גאנץ תושבע"פ זאגט מען קדיש דרבנן, דאך האלט ער ווען מען ענדיגט לערנען די דברי חז"ל זאל מען זאגן נאכן לערנען פסוקים פון אגדתא, אזוי ווי מען זאגט די מימרא פון "אמר רבי אלעזר אמר רבי חנינא ת"ח מרבים שלום בעולם" נאכן לערנען מאמרי חז"ל, און עס איז נישט קיין סתירה.

## התבוננות צום יארצייט

**טייערע תלמידים!**

היינטיגן ערב שבת קודש איז די 32'סטע יארצייט פון אונזער **הייליגן רבי'ן אבינו רוענו מרן הקדוש זי"ע**.

יעדער פון אונז שפירט א קשר צום רבי'ן זי"ע, כאטש מיר זענען שוין אלע געבוירן געווארן לאחר פטירתו דאך ווייסן מיר אז כל זמן מיר גייען אין זיינע הייליגע וועגן, מיר פירן זיך לויט זיינע הדרכות און אנווייזונגען זענען מיר **נקראים בנים**, און מיר קומען צום הייליגן ציון זיך אויסבעטן אלעס גוטס **כרחם אב על בנים**.

מ'דערציילט אז עס איז געווען א איד אין ארץ ישראל וואס האט נישט געהאט קיין שייכות צו סאטמאר, און ער איז ארויפגעקומען אין אפיס פון די הנהלת המוסדות און געברענגט זיינע קינדער איינצושרייבן אין סאטמארער חדר.

האט מען אים געפרעגט 'מה ראית על ככה צו שיקן די קינדער לערנען קיין סאטמאר, בו בזמן וואס דו האסט נישט קיין שייכות מיט סאטמאר?!'

האט דער איד געענטפערט:

"איך האב זיך מתבונן געווען, דער סאטמארער רבי האט דאך ל"ע נישט זוכה געווען צו אייגענע קינדער, יעדן טאג ווען ער זאגט ברכת התורה און ער גיסט זיך אויס דאס הארץ פארן אייבערשטן '**ונהי' אנחנו וצאצאינו כלנו יודעי שמיך ולומדי תורתיך לשמה**', פאר וועמען בעט ער? וועמען האט ער דעמאלטס אינזיען?! אוודאי בעט ער פאר די תלמידים פון זיינע מוסדות אז זיי זאלן זוכה זיין ארויסצעוואקסן ערליכע אידן, תלמידי חכמים און יראי השם".

"אט דאס וויל איך, איך וויל אז מיינע קינדער זאלן נכלל ווערן אין די ברכת התורה פונעם סאטמארער רבי'ן" האט דער איד אויסגעפירט.

מיר אלע האבן ב"ה די זכי' אז דער רבי האט געזאגט ברכת התורה פאר אונזער וועגן, ער האט פאר אונז געוויינט, פאר אונז האט ער געבעטן, פאר אונז האט ער שופך שיח געווען, אז מיר זאלן זיך קענען האלטן ערליך הייליג און אפגעהיטן, און עס איז נישט קיין ספק אז מה כאן עומד ומשמש אף שם עומד ומשמש, און דער רבי איז ווייטער פאר אונז מתפלל און ער פארגעסט נישט פון זיינע שעפעלער, זיין הייליגע סטאדע וואס קלאמערט זיך נאכצוגיין זיינע הייליגע וועגן.

מיר, פון אונזער זייט, דארפן מיר אבער זעהן אז מיר זאלן דאס ווערט זיין, מיר זאלן האבן רעכט זיך צו רופן 'בנים', וואס צו דעם קענען מיר זוכה זיין נאר אז מיר וועלן אין די טעג מאכן די ריכטיגע קבלות, זיך מחזק זיין אין אלע ענינים וואס מ'שמועסט כסדר אז דאס האט דער **בעל הילולא זי"ע** געפאדערט און געמאנט פון זיינע תלמידים, זיך צו פירן בקדושה ובטהרה, זיין שטאלץ מיט אמת'ע ערליכע אידישקייט ולא יבוש מפני המלעיגים, ליגן אין תורה ויראת שמים, כסדר ארבעטן אויף מידות טובות, אז אונזער גאנצער הלך ילך זאל זיין א קידוש השם.

אז מיר וועלן גיין אין די וועגן וואס ער האט אונז געלערנט, וועלן מיר אוודאי אויס'פועל'ן אלעס גוטס.

ויהי רצון שיליץ יושר בעדינו לטובה.

עס איז אמאל אריינגעקומען א איד פון די שטאט בארענאוויטץ צום רב **הגה״ק רבי אלחנן וואסערמאן זצ״ל** און ער האט זיך איבערגעשמועסט מיט אים איבער אן עצה פון זיינע געשעפטן, האט ער דערציילט פאר ר׳ אלחנן אז עס איז אים אונטערגעקומען א גוט געשעפט אבער ער ווייסט נישט צי ער זאל דאס מאכן אדער נישט.

האט רבי אלחנן ארויסגענומען א גמרא און ער האט אנגעהויבן צו לערנען דעריין, און ער האט דארט געלאזט דעם איד זיצן און ווארטן אויף די תשובה. שפעטער האט ער פארמאכט די גמרא און ער האט געענטפערט פאר דעם איד די שאלה אין זיינע געשעפטן.

פאר דעם איד איז דאס געווען א גרויסע פלא וואס פארא שייכות האט דאס וואס ער האט געפרעגט פון רבי אלחנן מיט די גמרא וואס ער האט געלערנט, אז ער האט אים נישט געקענט ענטפערן אויף זיין שאלה נאר נאכן לערנען גמרא.

ווען רבי אלחנן האט געזעהן זיין וואונדער האט ער אים געזאגט: ״הער מיך צו מיין קינד, חכמינו ז״ל זאגן אז ווען איינער לערנט תורה לשמה איז ער זוכה אז ונהנים ממנו עצה ותושיה, פארוואס איז דאס? ווייל דברי תורה דאס קלארט אוים דעם מענטשליכן שכל, ער ברענגט אריין אין א מענטש א שכל הישר, און ווען איר האט מיך געפרעגט א שאלה און איך האב אייך נישט געקענט ענטפערן אויפן פלאץ האב איך מעיין געווען אין די גמרא, און השי״ת האט מיר באלויכטן די אויגן אז איך זאל אייך קענען ארויסהעלפן מיט די ריכטיגע עצה.